NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13253

PURIM-SHPIL

D. Solomonov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. סאָלאָמאָנאָוו

פּורים־שפּיל

איינאַקטער

פאַרלאַג

„גאָלדענער האָרן"

ווארשע 1927

P U R Y M - S Z P I L
D. S O Ł O M O N O W A
Czcionkami „Omonuth", Bielańska 9
Drukarnia „Powszechna", Leszno 33
W a r s z a w a 1927

דעם אָנדענקן

פון מיין מאמע

ר י י נ ע,

וואָס האָט מיר גע=
געבן די געזאנגען
צום פורים=שפיל.

כ"ח טבת תרפ"ז

פאַרשוינען:

ר׳ שלמה לעמער — אַ ייד פון אַ יאָר פופציק. שטאַמט פון כתריאליווקע. ר׳ יאָסי לעמעשקעס אַן אייניקל...

זעלדע — זיין ווייב. אַ יידענע פון איבער פערציק יאָר.

זייערע קינדער:

מנשה—15 יאָר אַלט, אַ „געזעלשאַפטלעכער מענטש"

חנה׳טשע — 12 יאָר אַלט.

חיימל — אַ זיבניעריק צעבאַלעוועט יינגעלע.

פורים שפּילער:

אחשורש—יעקב אבינו

אסתר—ראובן—ישמעאלי

מרדכי—שמעון—ישמעאלי

המן—יהודה

פאַיאַץ—לוי

יאָסל—יוסף הצדיק

שלח־מנות טרעגער:

ציפּעלע

אַ קליין יינגל

אַ גרויס יינגל

צייט — פורים פאַר דער סעודה

(עס־צימער ביי ר׳ שלמה לעמער. די איינגאַנגס טיר — אינמיטן, רעכטס — אַ גרויסער אויוון. לינקס אַ טיש מיט שטולן. אין לינקן ווינקל — אַ פענצטער)

(ר׳ שלמה זיצט אויבן אָן, לינקס, פאַרטיפט אין אַ ספר. זעלדע שטעלט־אויס אויפן טיש קלאָסן מיט פורימדיק געבעקס. חיימל שטייט און וויינט)

חיימל: (מיט אַ וויינענדיק קול) איך וויל אויך גיין צו דער מומעשי...
(רייבט די אויגן) ע... ע...

זעלדע: (שטעלט אַוועק אַ קלאָש באַשוואַרג) הער שוין אויף צו יענטשען אַמאָל! (צו ר׳ שלמהן) אַ גאַנצן טאָג גאָר עס בעקסעט!
(חיימל וויינט שטאַרקער) שטיל זאָל זיין! צו דער מומען גאָר?! פורים צו דער סעודה סיקט מען אין שטוב! —

חיימל: חנהטשע איז געגאַנגען... ע... ע... זי מען... (צו זיך) זאָל זי נאָר צוריקקומען — איך וועל איר שוין ווייזן!..

ר׳ שלמה: (הויבט אויף דעם קאָפּ פון בוך) לאָז אים, ער דאַרף דאָך נאָכלויפן די קאָמעדיאַנטשיקעס אין גאַס!

(אַ קלאַפּ אין טיר. עס קומט אַריין אַ קליין ייִנגל מיט אַ טע־
לער שלח־מנות אין האַנט)

ייִנגל: גוט יום־טוב! די באַלעבאָסטע זלאַטע ר׳ אײַזיק בעל־בריתניק, שיקט אײַך שלח־מנות.

זעלדע: אַ שיינעם דאַנק. זאָג דער באַלעבאָסטע, זי זאָל דער־לעבן איבער־אַ־יאָר אין נחת און אין פרייד. (גיט אים אַ מטבע).

ייִנגל: אָמן! (גייט אַ־רויס)

(זעלדע דעקט אָפּ דעם טעלער, נעמט אַרויס דאָס נאַשוואַרג און לייגט אַרויף אויפן קלאָש; דערנאָך לייגט זי אַריין אין אויס־געליידיקטן טעלער אירע אייגענע פּורים־געבעקסלעך, דעקט צו־ריק צו און לאָזט שטיין אויפן טיש)

חיימל: (דע־מאַנט זיך. מיט געוויין) ע... ע... איך וויל גיין צו דער מומעשי... חנהטשע איז געגאַנגען...

זעלדע: (זייענדיק) חנהטשע איז דאָך געגאַנגען מיטן שלח־מנות, זי קומט שוין צוריק. (אַ ביסל אומרויק) וואָס זוימט זי זיך עפּעס אַזוי לאַנג? (גייט צו צום פענצטער און קוקט אַרויס)

חיימל: (נעמט אַרויס באַנך פלינק פונם צוגעדעקטן טעלער אַ טייגל, כאַפּט עס פלינק אין מויל אַריין און באַלעקט זיך). זיס, ווי האָניק! (באַ־מערקט, די מאַמע קוקט זיך אום, און מאַכט ווידער אַ געוויין־גרימאַסע)

ע... ע... חנהטשע איז געגאַנגען.. אַזוי לאַנג... איך וויל אויך...

(אַ קלאַפּ אין טיר. עס קומט אַריין ציפּעלע מיט שלח מנות אין האַנט)

ציפּעלע: די מאמעשי שיקט אייך שלח־מנות.

זעלדע: אַ שיינעם דאַנק. (באַקוקט דאָס שלח מנות)

ציפּעלע: (צו היימלען. קרימט אים נאָך) ע... ע... איך וויל אויך...

זעלדע: ווער איז דיין מאַמעשי?

ציפּעלע: לאה גרשנס.

זעלדע: און ווי הייסט דו?

ציפּעלע: ציפּעלע.

זעלדע: (גיט איר א לעקעכל) נאַ, נעם, ציפּעלע; זאָג דער מאמעשי, זי זאָל דערלעבן איבער־אַ־יאָר אין פיל נחת און גליק.

ציפּעלע: אַ גוטן יום־טוב. (גייט צו צו דער טיר. חיימל שטעלט איר אונטער א פיסל. ציפּעלע שפּרינגט אריבער, בלייבט שטיין און רייצט זיך)

דז... דז...

ר' שלמה: (גיסט אַפּרייסנדיק דעם קאָפּ פון בוך) ט'האָסטו דיר, שלח־מנות פון גרשון פּופּיק! חבר־לאַוועך!

—(ציפּעלע גייט ארויס)

חיימל: (לויפט איר נאָך ביז דער טיר) ציפּעלע־לאה־גרשון־פּופּיק, נאַ דיר אַ ציבעלע שלח־מנות!

(ציפּעלע קערט זיך אום, רייצט זיך א ווילע מיט די פינגער און לויפט ארויס. חיימל לויפט ארויס נאָך איר. עס הערט זיך באַלד פון אונטער דער סצענע א קוויטש. זעלדער לויפט ארויס פון שטול, קומט אריין גלייך צוריק און שלעפּט חיימלען פאַרן האַנט)

זעלדע: אזא ימח-שמוניק! אזא אך-בראש! וואו איז דאס גע-הערט געוואָרן?! נאָכלויפן אַ קינד און שלאָגן; נאָכשפּעטן איר טאַטן — גרשן פּיפּיק! פון ווּעמען האָסטו עס נעהערט דו רשע דו, פון וועמען?!

חיימל: (וויינט די גאַנצע צייט) פון טאַטעשי...

(אַ קלאַפּ אין טיר. עס קומט אריין מנשה מיט אַ העפּט אונ-טערן אָרעם)

מנשה: (גיט אַ מורמל) גוט באָוונט! (זעצט זיך ביים טיש)

זעלדע: ס'קאַצל קומט! דאָס איז דיין גוט יום-טוב?...
וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון די קליינע, אַז אַזוי זיי-נען די גרויסע.

מנשה: געהאַט אַ פערזאַמלונג. אַ גאַנץ יאָר האַלט מען רע-פּעראַטן, וואָס פאַר אַ רעפּע-אַטן צו האַלטן... אַ פּורים-שפּיל בנאמנות!

ר' שלמה: און דו ביסט דאָך אַודאי דער יושב-ראש; אָן דיר קאָן דאָך די אסיפה נישט פאָרקומען...

מנשה: איך בין סעקרעטאַר... (קוקט זיך אום) אוי! אַזוי פיל טעלער מיט גוטע זאַכן!.. און – צוגעדעקט, אַ פּורים-שפּיל בנאמנות!...

זעלדע: ווי איז מיר! וואָס איז דאָס קינד נאָך נישטאָ? (צו מנשהן) האָסט נישט געזען חנהטשען? (קליינע פּויזע) מען דאַרף דאָך נאָך אַוועקטראָגן די שלח-מנות.

ר׳ שלמה: פטור, אַן עסק האָסטו דערמיט. ביי מיר איז רעכט, נישט אָפצושיקן יעדערן די באַשערייען.

(אַ קלאַפּ אין טיר, חנהטשע לויפט אריין מיט אַ געפילדער)

חנהטשע: אוי, ביי דער מומעשי זיינען געווען פורים־שפילער! מיט מאַסקעס, מיט אַזעלכע קאַסקעס, (באַוועגט מיט די הענט) זיי גייען יעצט אַהער. כ׳האָב זיי געזאָגט וואו מיר וואוינען. (חיימל גייט־צו צו איר און גיט איר אַ שטויס מיט די הענט און ווייגט) לעקיש איינער, וואָס וויינסטו? זיי גייען דאָך אַהער פאָרשטעלן. (פון אונטער דער סצענע הערט זיך אַ געוויש) אָט גייען זיי! (לויפט צו דער טיר)

(די טיר עפנט זיך און עס קומען אריין 6 פורים־שפילער זינגענדיק „שושנת יעקב". נאָכן אָפזינגען גיט אַ שפרונג דער פּאַיאַץ פאָרויס. ער האַלט אין האַנט אַ שטעקעלע מיט גלעקלעך, מיט וועלכן ער גיט די קאָמאַנדע)

פּאַיאַץ: איצטער חברה פורים־שפילער, לאָז זיין שטיל!

(גיט זיך אַ דריי־אויס צום טיש)

מיר וועלן פאָרשטעלן פאַר אייך דאָס „אחשורש־שפּיל"

יאָסל: (אַ פורים־שפילער אין אַ קורץ העמדל מיט אַ קאַפּעלושל) איך — בין עס! (טיילט זיך אָפּ פון דער חברה, גייט לינקס און שטעלט זיך ביים טיש לעבן חיימלן, אַנטקעגן פענצטער)

(די פינף פורים־שפילער. בלייבן רעכטס ביים אויוון אין שטעלן זיך אויס אין איין שורה אין דער ברייט אַנטקעגן דעם טיש:

פּאָרז־ס — אחשורש, טראָגט אויף זיך אַ טור איבערגעוואָרפֿן ווי אַ טאָגע. אויפֿן קאָפּ — אַ הויכע קאַסקע מיט שפּיצן באַקלעפּט מיט גאָלד־פּאַפּיר. אין האַנט — אַ סצעפּטער (שרביט־הזהב...) נעבן אחשורושן רעכטס, שטייט אסתר המלכּה, טראָגט אויף זיך אַ פּעלערינע. אויפֿן קאָפּ — אַ לאַנגן, שמאָלן שאַל, וואָס הענגט אַראָפּ ווי אַ שלייער (במקום האָר... מ׳זאָל, חלילה, נישט דער־קענען, אַז ס׳איז אַ בחור...) אויפֿן שאַל איבערן קאָפּ — אַ קליי־נע גאָלדענע קרוין. נעבן איר רעכטס, שטייט המן, פּריציש גע־קליידעט מיט אַ שווערדל אויף די לענדן. דער לעצטער, האַרט בײַ דער וואַנט, שטייט מרדכי אַביסל אײַנגעהויקערט. ער טראָגט אויפֿן קאָפּ אַ שטריימל און אַ האַלענדישן קראַגן אויפֿן האַלז)

(דער פּאַיאַץ טוט אַ שפּרונג אַנטקעגן די שטוב־מענטשן)

פּאַיאַץ: דער ערשטער קומט דער קעניג אחשורש,
אַן אייניקל פֿון גרויסן קעניג כּורש,
דער גרעסטער חכם, ווי איר זעט בחוש,
ער טוט געוועלטיקן מהודו ועד כּוש.

(נייגט זיך פֿאַר די פּורים־שפּילער)

אַריין, אַריין, אַריין,
קעניג אחשורש מיין!

(עס צפּנט זיך פּלוצלונג די טיר און ס׳קומט אַריין... אַ ייִנגל אין אַ אײַנגעשלומפּערטע קאַפּאָטע מיט אַ גרויסן טעלער שלח־מנות, איבערגעדעקט מיט אַ רויטע פֿאַטשיילע. אַלע בלײַבן איי־בערראַשט. דאָס ייִנגל שטעלט־אַוועק דעם טעלער אויפֿן טיש)

ייִנגל: גוט יום־טוב! שלח־מנות פון שייִנע־שיינדל מנחם־מענדלס לאה־דוואָשיס ברוך־הערשס!

מנשה: אַ שייִנער אחשורש... אַ פורים שפּיל בנאמנות!

(זעלדע גיט דעם ייִנגל אַ מטבע, ער גייט אַרויס)

פּאַיאַץ: (חזרט־איבער)
אַריין, אַריין, אַריין,
קעניג אחשורש מיין!

אחשורש: (גייט־אַרויס פון דער שורה)
איך בין אחשורש, דער גרויסער, קלוגער קעניג
הונדערט זיבן און צוואַנציק מדינות מאַך איך
אונטערטעניק!

(ווענדט זיך צו די לעצטע צוויי פורים־שפּילער המן און מרדכי)

איך, שׂרים, טו איך יעצט באַפוילן מיין פאַרלאַנגען
אַ טראָן אַ גאָלדענעם זאָלט איר מיר תיכף־באַלד
דערלאַנגען

(המן און מרדכי טוישן־איבער זייערע היטלען אויף קלענערע קאַסקעס, ס'הייסט: זיי שפּילן דערווייל די ראָל פון די שׂרים. זיי כאַפּן ביידע אָן אַ הילצערנעם שטול מיט גאָלד באַקלעפּט, שטעלן אים אוועק פאַר אחשורשן. אַזוי ווי דער שטול האָט איין פוס אַ קורצערן.. שטעלט איינער פון די שׂרים אונ־

סער אַ קלעצל. אחשורש וויל זיך זעצן און קוקט זיך אום אפריער מיט אַ ביסל מורא. די פורים־שפּילער גיבן אים אַ צי פון אונטן, ער זאָל זיך זעצן. אחשורש טוט עס גאַנץ פאָרזיכטיק)

(אין דער צייט ווען עס קומט־פאָר די דאָזיקע סצענע שמועסן זיך אדורך חיימל מיט יוסף הצדיק אָן אַ זייט)

חיימל: יאָסל, דו ווייסט איך שפּילן?

יאָסל: אַז מען וועט מיר הייסן, וועל איך שפּילן.

חיימל: פאַר יוסף־הצדיק?

יאָסל: פאַר יוסף־הצדיק. נעם מיר עפּעס אַרויס פונעם גרויסן טעלער (ווייזט מיט אַ פינגער) פון אָט דעם, מיט דער רויטער פּאַטשיילע, וואָס מ'האָט אָקאָרשט געברענגט.

חיימל: מען וועט דערזען...

יאָסל: אָט הויבט מען שוין אָן שפּילן, וועט קיינער נישט זען.

(בשעתן וויכטערדיקן שפּילן, לקחנט חיימל אַרויס אַלע ווייַלע עפּעס פונעם גרויסן טעלער און גיט יאָסלען. יענער כאַפּט עס גלייך אין מויל אַריין...)

פּאַיאַץ: איצט קומט די גרויסע קעניגין, די שיינע אסתר. געדינט האָט זי דאָס פאָלק ישראל, ווי אַן אייגן שוועסטער.

— אויפן פּנים — ווי איר זעט — אַ ביסעלע אַ גרינגע,
נאָר די שענסטע פרוי ביי אונז אין דער מדינה!

(גויגט זיך פאַר אסתּרן)

אריין, אריין, אַריין,
אסתּר המלכּה, קעניגין דו מיין!

(אסתּר המלכּה מאַכט אַ טריט פאָרויס, בוקט זיך דריי מאָל זייער לאַנגזאַם. אחשורש באַטראַכט איר. בשעת דייער שפּילן קומט ווייטער פאַר דאָס געשפּרעך צווישן יאָסלען מיט חיימלען)

יאָסל: גיב נאָך עפּעס פונם זעלבּן שלח־מנות (חיימל איז אים מכבד מיט אַ פּאָר גיסלעך פון טעלער אַרויס) נאָך... לײדיק אויס אינגאַנצן!..

חיימל: (ציט ווידער אַרויס אַ פּאָמעראַנצל מיט אַ פּאָר צוקערלעך און דערלאַנגט אים אונטן־אַרום גאַנץ פאָרזיכטיק) ווּעסט מ'ר געבּן די קאַסקע?

יאָסל: כ'וועל דיר געבּן אָנצוטאָן. די שווערד אויך (גיט חיימלען די שאָלעכץ מיט די פּאַפּירלעך) נאַ, לייג אַריין צוריק־מ'זאָל נישט דערקענען...

חנה'טשע: (ר' שלמהן אין אויער) טאַטעשי! זע, וואָס חיימל טוט!

(ר' שלמה קוקט שאַרף אָן חיימלען און יאָסלען. זיי באַמערקן עס אָבער נישט.)

אחשורש: אסתר, אסתר, וואָס איז דיין באַגער?
קום נאָר נענטער, קום צו מיר אַהער!
עס גייט דאָך מיר אין מיינעם לעבן,
די קרוין פון קאָפּ וועל איך דיר אַראָפּגעבן!

(אסתר בויגט זיך פון ווייטן פּאַמעלעך)

פּאַיאַץ: איצט קומט דער צורר־היהודים המן,
אויסגעריסן ווערן זאָל זיין נאָמען!
ער הייסט נאָך אויך ממוכן, אָט דער
וואוילער יונג!
הערט נאָר, ווי ער דרייט דאָס מיט זיין
פּאַלטשע צונג!

(באַוועגט מיטן שטעקעלע)

אַריין, אַריין, אַריין,
המן בן־המדתא מיין!

(אחשורש הויבט זיך אויף פון טראָן און מאַכט אַטריט צו אסתרן
המן רוקט זיך האַסטיק אַרויס פון דער שורה, און בלייבט
שטיין צווישן אסתר און אחשורש)

המן: (שטאָלץ)
בין איך מיר ממוכן פון די אחשתרנים,
אַ יונגער האַר, ווי איר קוקט מיך אָן אין פּנים!

אחשורש: (גיט אים אַ שטויס, מיט כעס)

זאָג נאָר מיר, ממוכן:
וואָס ביסטו געקומען דאָ צוקריכן!

(המן טרעט אָפּ אָן אַ זייט)

אחשורש (צו אסתרן)

אסתר אסתר, וואָס איז דיין באַגער?
קום נאָר נענטער, קום צו מיר אַהער!
עס גייט דאָך מיר אין מיינעם לעבן,
אַ האַלבע מלוכה וועל איך דיר אָפּגעבן.

(דערלאַנגט איר דעם רוט)

אסתר: איך טו צום גרויסן קעניג יעצט צוטרעטן,
און אים מיט המנען אויף מיין באַל פאַרבעטן.

פּאַיאַץ: איצט קומט מרדכי היהודי געבענטשט זאָל זיין
זיין נאָמען!
ער קומט אַרויס פון שאול המלך און פון
שבט בנימין

(גיט זיך אַ דריי)

אַריין, אַריין, אַריין,
ברודער מאָנדריש דו מיין!

מרדכי: (מאַכט אַ פּאָר טריט בּיזט זיכער. הויבּט אָן שטאַמלען) איך...
איך... (קוקט אויף אַחשורשן און אויפן פּאַיאַץ)

מנשה: ער האָט פאַרגעסן זיין ראָל!.. אַ פּורים־שפּיל
בּנאמנות!

פּאַיאַץ: (גיט זיך פלינק אַ דריי אויס)

פּילייכט איז עס אייך, ליבּע לויטע, שוין צוטיל,
טאָ וועלן מיר איצט שפּילן „מכירת־יוסף־שפּיל"

(אַלע פּורים־שפּילער צערוקן זיך אין רעכטן ווינקל. דאָרט אונ־טערן אויוון „אונטער די קוליסן" הייסט עס, ווערט אַ שטיקל געררודער: מרדכי טוט אָן זיין באָרד אחשורשן, וואָס דאַרף שפּילן פאַר יעקב־אבינו. דער פּאַיאַץ כאַפּט אַרויף אויף זיך אַ בּרייטן כאַלאַט. אסתּר המלכּה וואַרפט אַראָפּ פון זיך די פעדערינגע. יוסף הצדיק רוקט זיך אַרויס פון פאָרנט)

יוסף: (זינגט) (נאָטן: 2 „יוספס חלום")

I

איך בּין געווען אין פעלד אַליין,
נאָך אַ זונען־טאָג, אַ שווערן.
איינגעשלאָפן אויף אַ שטיין,
חלומען זיך מיר עלף שטערן.
בּוקן זיי זיך מיט מיר זייער שיין;

פּאָטער יעקב טוט דערקלערן:
דער האַר פון מייגע ברידער וועל איך זיין,
דער הערשער זייער וועל איך ווערן!

יוספס ברידער: (דריקן די פויסטן. נגיש כעס)
דער האַר פון דיינע ברידער וועסט זיין?!
דער הערשער אונזער וועסט ווערן?!

יוסף:

II

אויף מאָרגן, ווידער שלאָף איך איין
אין אַ טיפן שלאָף אַ שווערן.
כ׳זע אַ חלום. אַך ווי פיין:
זון, לבנה און צלף שטערן;
בוקן זיי זיך מיר מיט זייער שיין.
פּאָטער יעקב טוט דערקלערן:
דער האַר פון טאַטע-מאַמע וועל איך זיין,
דער הערשער זייער וועל איך ווערן!

יוספס ברידער: (סופן מיט די פיס. מיט כעס)
דער האַר פון טאַטע-מאַמע וועסט זיין?!
דער הערשער אונזער וועסט ווערן?!

(די פיר ברידער: ראובן [פריער אחתר], שמעון [פריער מרדכי], יהודה [פריער המן] און לוי [פריער פּאַיאַץ] טרעטן אָפּ צום רעכטן ווינקל. עס בלייבט נאָר יוסף. יעקב [פריער אחשורש] גייט־צו צו אים און גלעט אים צערטלעך)

יעקב: יוסף, מיין ליב קינד, גיי אַרויס אין פעלד געוואויר־ווערן וואָס דיינע ברידער מאַכן.

יוסף: פּאָטער יעקב, איך גיי!

(די שפּילער בייטן זיך מיט די ערטער: יעקב און יוסף גייען רעכטס צום אויוון און די פיר ברידער רוקן זיך אַרויס פון דאָרט פּאַמעלעך האַמפּערנדיק זיך וועגן דער ראָלן־צעטיילונג:)

שמעון: (מורמלט שטיל) איך בין יהודה!

יהודה: (אויפגערעגט) ניין, איצט שמעון, און דערנאָך — אַ ישמעאלי, געדענק!

מנשה: וואָס פּאַנפּען זיי דאָרט, די „אַרטיסטן פון אונטערן אייוון״? — אַ פּורים־שפּיל בנאמנות!

(די ברידער שטעלן זיך אָפּ אינמיטן סצענע)

ראובן: (פּאַררייסט דעם קאָפּ אין דער הויך און פאַרשטעלט מיט דער האַנט ווי אַ דעכל איבער די אויגן) שוין נאָך אַ האַלבן טאָג, און קיינער ברענגט אונז נישט קיין גרוס פון שטוב.

(יוסף הויבט זיך אָן דערנענטערן צו זיי)

שמעון: אָט גייט דער בעל־החלומות!

ראובן: דער בן־יקירל דעם טאַטנס!

לוי: טויטן אים אויפן אָרט, דעם „הערשער" אונזערן!

יהודה: אַריינוואַרפן אים אין לייבן־גרוב!

(זיי ציען פון אים אַראָפּ דאָס העמדל און וואַרפן אים אום.
יוסף בלייבט ליגן די ברידער גייען אָפּ רעכטס)

יוסף: (שטעלט זיך אויף אַ קני און זינגט)

נאָטן 2

„איר שלאַנגען און עקדישן"

I

איר שלאַנגען און עקדישן —
איך טו אייך באַשווערן,
איר זאָלט צו מיין לייב
נישט טוען זיך קערן.
איר שלאַנגען און עקדישן,

צי ווייסט איר ווער איך בּין? —
כ׳בּין יצחקס און אייניקל,
יעקבס אַ זון:

פּאָטער יעקב, פּאָטער יעקב
ווי איז מיר,
בּיטער איז מיר
וואָס איך בּין פאַרוואָגלט
געוואָרן פון דיר:
ווי איז מיר,
בּיטער איז מיר,
וואָס איך בּין פאַרוואָגלט
געוואָרן פון דיר!

II

איר שלאָגגען און עקדישן —
הערט אויס מיין בּאַפּייל:
איר זאָלט טון פאַרשליסן
פאַר מיר אייער מויל!

איר שלאָגנגען און עקדישן,
צי ווייסט איר ווער איך בין? —
כ׳בין יצחקס אַן אייניקל
און יעקבס אַ זון!

פאָטער יעקב, פאָטער יעקב,
ווי איז מיר,
ביטער איז מיר,
וואָס איך בין פאַרוואָגלט
געוואָרן פון דיר!
ווי איז מיר,
ביטער איז מיר,
וואָס איך בין פאַרוואָגלט
געוואָרן פון דיר!

(בשעת יוסף זינגט, קליידן זיך ראובן און שמעון איבער פאַר ישמעאלים. אין טורבאַנען און מאַסקעס (איין מאַסקע — זייער אַ קאָמישע). ווען יוסף זינגט־אָפּ, דערנענטערן זיך צו אים יהודה און לוי)

יהודה: לאָמיר אים פאַרקויפן.

לוי: אָט גייען ישמעאלים!

יהודה: (רופט זיי מיט דער האַנט, רעדט טערקיש) אַדשי-מאַדזשי!..

(זיי גייען צו. רעדן די גאַנצע צייט מיט גבּקינצלטע שטימען)

ערשטער ישמעאלי: (מיט א פראַגע) העטשי-פּעטשי?

צווייטער ישמעאלי: (קאָמיש, מיט א קווייטשיק קולכל) העטשי-פּע-טשי?

יהודה: (ווייזט אָן אויף יוספן) אוטשי-מוטשי-פּיטשי-פּאַטש...

ערשטער ישמעאלי: (שאָקלט צו מיטן קאָפּ אויף "יאָ") פּיטש-פּאַטש!..

צווייטער ישמעאלי: (מאַכט נאָך דעם ערשטן) פּיטש-פּאַטש!..

מנשה: (מיט חוזק) טערקיש-לשון?.. א פּורים-שפּיל בנאמנות!..

(ערשטער ישמעאלי נעמט-אַרויס פֿון א זעקל, גרויסע מטבעות, און ציילט אויס יהודהן אין האַנט אריין. צווייטער ישמעאלי ציילט נאָך מיט זיין קווייטשיק קולכל און שאָקלט צו מיטן קאָפּ)

ערשטער ישמעאלי: (ציילט) אני, באני, גאני, דאני, האני, וואני, זאני, חאני, טאני, יאני, כּאני, לאני, מאני, נאני, עני, פּאני... (רייסט איבער, פאַרבינדט דאָס זעקל)

יהודה: (האלט אָפּן די האַנט מיטן געלט, דינגט זיך) צאַני!..

צווייטער ישמעאלי: (שטעלט זיך אַרומיטן צווישןביידן, צום ערשטן ישמעאלי, מסכים) צאַני!

ערשטער ישמעאלי: (נישט מסכים) פּאַני!..

צווייטער ישמעאלי: (צו יהודהן, אויך נישט מסכים) פּאַני!..

יהודה: (מיט כעס) צאַני!..

צווייטער ישמעאלי: (צום ערשטן ישמעאלי, מסכים) צאַני!..

ערשטער ישמעאלי. (שאָקלט עקשנותדיק מיטן קאָפּ אויף ניין) פּאַני!..

צווייטער ישמעאלי: (אויך נישט מסכים, צו יהודה) פּאַני!..

יהודה: (טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — פאַרענדיקט דאָס מסחר) ראַני, שאַני!..

(ערשטער ישמעאלי הויבט אויף יוספן פון דרערד און שטויסט אים, ער זאָל גיין. דער צווייטער ישמעאלי העלפט אונטער שטויסן און מאַכט עטלעכע מאָל, אַלע ביים טיש לאַכן)

(די ישמעאלים מיט יוספן גייען־צו צום אויוון, וואַרפן אַראָפּ די מאַסקעס און טורבאַנען און קערן זיך אום צוריק צו לוי און יהודה אַלס ראובן און שמעון. עס קומט אויך יעקב. אַלע זינגען אים אַנטקעגן:)

די ברידער:

גאָטן 4.
„פאַרוואָגלט זאָלן ווערן
די וועגלאַך"

I

פאַטער יעקב, פאָטער יעקב,
וואָס טוסטו וויינען און ברומען?
מיר ווייסן דאָך נישט, מיר ווייסן דאָך נישט,
וואו אונזער ברודער יוסף איז אַהינגעקומען.
פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די וועגלאַך,
פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די שטעגלאַך
פון אונזער ברודער יוסף!
פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די וועגלאַך
פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די שטעגלאַך
פון אונזער ברודער יוסף!

יעקב:

II

קינדער מיינע, קינדער מיינע,
ווי קאָן איך מיין צער פאַרגעסן;
אַ ווילדע חיה, אַ בייזע חיה
האָט מיין זון יוסף אויפגעגעסן!

אַלע:

פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די וועגלאַך,
פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די שטעגלאַך,

פון אונזער ברודער יוסף!
פאַרוואַגלט זאָלן ווערן די וועגלאַך,
פאַרוואַגלט זאָלן ווערן די שטעגלאַך
פון אונזער ברודער יוסף!

(זיי גייען אַלע אָפּ אין רצכסן ווינקל. טוען אָן י וסןפן בגדי מלכות, אַלס סני למלך. חנהטשע און חײמל פאַרלאָזן זייערע ערטער, נייען־צו צו די פורים־שפּילער און קוקן זיך צו. בעת די דאָזיקע הכנות קומט מאַר בײַם טיש פאָלגנדיקער נע־שפּרעך)

זעלדע: לאָמיר אָקאָרשט אַ קוק טאָן, וואָס האָט דאָ שיינע־שיינדל געשיקט. (רוקט־צו דעם גרויסן טעלער שלח־מנות, הויבט אונטער אַ ביסל די פּאַטשיילע. גיט אַ פּליעסקע מיט די הענט) אוי, אַ בראָך איז צו מיר! שלמה, גיב נאָר אַ קוק, וואָס דאָ ליגט?!

ר׳ שלמה: כ׳ווייס... כ׳ווייס וואָס דאָ ליגט...

זעלדע: ווי איז מיר, אַזם שלח-מנות שיקט מען? אַזאַ חוצפה! שיקן זאָל מען איר דעם מלאך-המות! אַזוי מבייש זיין... אַזוי מבייש זיין!..

מנשה: (ניט אַ קוק צום טעלער) אַ שיינער שלח-מנות!.. אַ פּורים שפּיל בנאמנות!..

זעלדע: אַזוי מבייש זיין?!...(דעקט צו דעם טעלער)

(חנהטשע מיט חײמלען קערן זיך אום צוריק צום טיש. יוסף, אָנגעטאָן אין אַ קרוין מיט עפּאָלעטן און אַ שווערדל, גיט אַ שפּרונג אין מיטן סצענע. זינגט)

יוסף: (נאָטן 5, „יוסף אין מצרים“)

איך האָב פיל שאָף
און פיל רינדער.
איך האָב איין ווייב
מיט צוויי קינדער.
איינער הייסט: מנשה,
דער אַגדערער — אפרים
בין איך קעניג, בלייב איך קעניג
אינם לאַנד מצרים!

ר׳ שלמה: נו, געזונג שוין, חברה, פאַרגעשטעלט. (גיט יעקבן א זילבערנע מטבע) יעצט וועט איר נאָך קריגן אַ ביסל נאַש־וואַרג. מיין זיידע ר׳ יאָסי לעמעשקע, עליו השלום, פלעגט זיך נוהג־זיין: „שלח־מנות לאביונים“ — וועל איך איין צעטיילן אָט די אַלע שלח־מנותן. (צו חנהטשען) נעם, דערלאַנג איטלעכן אַ שלח־מנות!

(חנהטשע דערלאַנגט איטלעכן שפילער א טעלער שלח־מנות און שיט אריין יעדן אין דער פאַלע)

די פורים־שפילער: (צופרידן) אַ דאַנק, אַ דאַנק! דערלעבט אי־בער־אַ־יאָר!..

ר׳ שלמה: (רופט צו חיימלען. גיט אים דעם גרויסן טעלער מיט דער רויטער פאַטשיילע) גיב דאָס גרעסטע שלח־מנות דעם בעסטן שפילער — יוסף הצדיק. (חיימל נעמט דעם טעלער און בלייבט שטיין אומצופרידן) נו, ריר זיך! דערלאַנג אים!

(הימל גייס־צו צו יוספן. יוסף כאַפּט זיך נישט. ספּרייט אויס
זיין פּאָלע. הימל שיט אַריין די פּאָמעראַנצן־ און ניס־שאָלעכץ
מיט די פּאַפּירלעך... אַלע שיסן אויס אין אַ געלעכטער...)

ר׳ שלמה: (מיט חוזק) „יוסף הצדיק“... אַ שיינער צדיק, וואָס
כאַפּט־אַראָפּ פון די טעלער)..

מנשה: שיין אויסגעשפּילט... אַ פּורים־שפּיל בנאמנות!..

אַלע פּורים־שפּילער: (הויבן אָן זינגען)
פאַרוואָגלט זאָלן הערן די וועגלעך...

פּאָיאַץ: (רייסט איבער) נישט אַזוי...

(דיריגירט. אַלע זינגען)

פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די שפּילער,
וואָס כאַפּן אַראָפּ פון די טעלער,
ווי אונזער חבר יאָסל:

(ווייזט מיט די פינגער אויף יוספן, יועף שטייט מיט אַן אַראָפּ־
געלאָזטן קאָפּ.

(דער פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם)

נאָטן

צו די געזאַנגען
אין די פורים־שפּילן

1. שושנת יעקב



2. יוספס חלום



3. איר שלאַנגען און עקדישן



4. פאַרוואָגלט זאָלן ווערן די וועגלעך



5. יוסף אין מצרים



פאַרלאַג „גאָלדענער האָרן", וואַרשע

עס דרוקט זיך:

יעקב גלאַדשטיין

קאַראַהאָד

ערשטע זאַמלונג אָריגינעלע

קינדער לידער און שפּילען

(מיט נאָטן פאַר סאָלאָ און כאָר, און

מיט דערקלערונגען צו די שפּילן)